פרשת ויגש, י"א טבת תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ז

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................4:15
מוצאי שבת.......................5:47

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### פנחס דוד וועבערמאן

איך האב געהאט אוועקגעלייגט א סכום געלט צו געבן פאר איינעם, ווען עס איז געקומען די צייט עס צו געבן פאר יענעם האב איך עס נישט געקענט טרעפן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, שכח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן. שכח אייבערשטער!

### מנחם שטיינבערג

א) פון ווען איך האב זיך אריין געצויגן אין מיין נייע הויז איז די וואסער געווען זייער שטארק ברוין, איך האב אינסטאלירט א פילטער אבער עס האט נישט געהאלפן, איך האב אינסטאלירט אן אנדערע סארט פילטער אבער עס האט אויך גארנישט געהאלפן, וואס איך נאר האב פרובירט האט נישט געהאלפן, ביז איך האב איינגעזעהן אז גארנישט וועט דא נישט העלפן, איך מיז מיר אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן "הייליגע באשעפער איך פארלאז מיך נאר אויף דיר, קיינער קען מיר נישט העלפן". פארגאנגענעם זונטאג איך שטיי אויף איך עפן די סינק און דאס אומגלויבליכע פאסירט, עס קומט ארויס קלארע שיינע וואסער, ממש א נס, שכח אייבערשטער פאר מיין פיינע וואסער.

ב) די פלעיטס פון מיין קאר איז אראפגעפאלן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, איך האב געשיקט א מעסעדזש אין די שטעטל גרופ אויב איינער האט עס אפשר געזעהן אבער קיינער האט זיך נישט אנגערופן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, נאך אפאר טעג זאגט מיר אייזיק ראטה אז ער האט עס געטראפן אין פארנט פון די תלמוד תורה בילדינג. שכח שכח אייבערשטער!

### העניך אינדיג

א) איך האב פארלוירן גאר א וויכטיגע בריוו וואס איך האב באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס שנעל טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן אויף א וועג וואס איך האב מיך נישט געררעכטן.

ב) פארגאנגענעם מאנטאג בין איך אריין געפארן אין ישיבה צו זיין ביי די חתונה פון קלמן וועבערמאן נ"י, פאריגע מאל ווען איך בין אריין געפארן אין שטאט האט מיר די פאליס אפגעשטעלט מיט'ן טענה אז איך בין געפארן שנעלער ווי ערלויבט, יעצט האב איך שוין פאר דעם געבעטן דעם אייבערשטן אז די פאליס זאל מיר נישט אפשטעלן, און איך זאל גיין און צוריקקומען בשלום, שכח אייבערשטער אז די פאליס האט מיר נישט אפגעשטעלט און אלעס איז אדורך בשלום. שכח אייבערשטער!

## נייעס אין שטעטל

**קרית ברסלב גראסערי**

גאר גוטע נייעס קומט אריין פון אונטער די קוליסן אז מען גרייט זיך שוין גאר בקרוב צו עפענען א גראסערי אין שטעטל.

שוין א לאנגע צייט ארבעט מען גאר שווער צוצוגרייטן דעם נייעם גראסערי, וואס דאס וועט זיין גאר א גרויסע הילף פאר אלע משפחות פון שטעטל וואס פלעגן ביז יעצט פארן א לאנגע וועג אנצוקומען ביז א היימישע גראסערי.

די גראסערי ווערט אהערגעשטעלט אין א שיינעם גרויס'ן לאקאל פון איבער טויזנט סקווער פיס, די לעצטע וואך איז שוין צוגעגרייט געווארן די גרויסע פארקינג לאט אין פארנט פונעם גראסערי צו קענען האבן גענוג פארקינג פאר אסאך קארס אויף איינמאל, די לעקטער פאר'ן גראסערי איז שוין פולקאם אינסטאלירט געווארן ברוך השם, די גאנצע פלאץ איז געווארן גוט אינסולירט עס זאל נישט אריין קומען קיין קעלט פון אינדרויסן, ווי אויך איז שוין געווארן אינסטאלירט גאר א גוטע עירקאנדישן און סטיעם סיסטעם פאר די באקוועמליכקייט פון די קאסטומערס.

עס איז געווארן אריין געלייגט גאר אסאך כוחות און געלט אויסצוארבעטן א סאפיסטיקירטע קאמפיוטער סיסטעם וואס וועט האבן די אפציע אליין צו רעכענען די ארדערס, אין די יעצטיגע טעג לייגט מען אריין אסאך כוחות צו זעהן וועלכע שעלווס עס איז גוט צו קויפן עס זאל זיין די בעסטע און באקוועמסטע פאר די איינוואוינער איינצוקויפן.

אויך ווערט אין די טעג אויסגעארבעט מיט די שאטל פון שטעטל וועלכע שעות פונעם טאג עס זאל אדורך פארן די גראסערי, עס זאל זיין באקוועם פאר די חשוב'ע איינוואוינער, ווי מען הערט נאך פונעם בעל הבית פונעם גראסערי גייען די פרייזן זיין ביליגער פון אלע גראסעריס וואס איז דא אין די גאנצע געגנט ארום.

מיר האפן און בעטן דעם הייליגן באשעפער אז די גראסערי זאל האבן גאר א שטארקע הצלחה, און דאס וועט זיין נאך א רינגעלע צו די אלע גוטע אקטיוויטעטן וואס עס אנטוויקלט זיך ברוך השם ביי אונז אין שטעטל אויף גאר א שנעלע טעמפאו.

### סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן זצ"ל

פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט איז פארגעקומען די סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן זצ"ל וואס די יארצייט געפאלט עשרה בטבת.

מען האט זיך געוואשן צו די סעודה דערנאך האט מען געזונגען ווארימע ניגונים, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א דורך א לייו הוקאפ, וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון הייליגן רבי'ן.

דער הייליגער רבי נתן האט געלאזט צוואה פאר אנשי שלומינו אז אונזער ארבעט זאל זיין **יפיצו מעיינותיך חוצה**, מען זאל פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט און עס נישט נאר האלטן פאר זיך – נאר עס פארגונען פאר נאך מענטשן.

ברוך השם אז דא אין שטעטל איז יעצט געווארן אויפגעשטעלט א שיינעם בנין וואס מען גייט דריקן ספרים פונעם רבי'ן אויף גאר א גרויסע פארנעם, אזוי אז ווער עס וויל האבן א חלק אין הדפסה וועט קענען דארט אריינגיין און ארויסהעלפן די הדפסה מיט וואס עס פעלט זיך נאר אויס.

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו**

**בדיקת שעטנז**
מיר קוקן איבער אייערע קליידער פון שעטנז
רופט משפחת גאלדברענער פון קרית וויזניץ קיימישע
845-796-2431

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת מקץ, ג׳ טבת, זאת חנוכה, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

איך בעט דיר זייער, ברענג אריין א חיות אין די אינגעלייט; זע עס זאל זיך לעבן אין שטעטל, ווען דו קומסט אין שול צווישן אנשי שלומינו זאלסטו זיי מחי׳ זיין. עס איז דא אמאל איינער אין א צעבראכענע געמיט, א דערשלאגענער און מיט איין שמייכל, מיט א טענצל, מיט א ווערטל, מיט א גוט ווארט - קען מען יענעם אויסהיילן.

פון אינדרויסן ווייסט מען גארנישט, עס קען זיך דאכטן אז יענעם גייט גוט, יענער האט גוט חתונה געהאט, יענער האט פרנסה וכו׳ וכו׳, מען קען נאך יענעם מקנא זיין, אבער אינעווייניג איז גאר אן אנדערע בילד; נישטא קיין שלום בית, נישטא קיין פרנסה, נישטא קיין שמחת החיים.

איך בעט דיר טייערער ברודער, טו מיין ווילן; זיי מחי׳ אנשי שלומינו, רעד צו זיי.

...

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו׳ דחנוכה, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

פרעג דיין ווייב תחי׳ אויב זי איז מסכים דו זאלסט זיך לערנען צו זיין א פאראמעדיק; אויב זי איז מסכים וויל איך דו זאלסט זיך לערנען אינאיינעם מיט האברך ... נרו יאיר, איך וועל ענק ביידע באצאלן די גאנצע קאסט.

איך דארף האבן אין שטעטל פאראמעדיקס; איך האף מען וועט דאס נישט דארפן נוצן, אבער חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין יז:) אז מען טאר נישט וואוינען אין א שטאט וואס עס איז נישטא דארט א רופא; דאס גייט ארויף אויף הצלה און פאראמעדיקס.

מיר האבן שוין אין שטעטל אפאר אינגעלייט פון חברה הצלה; **איך האף צו האבן זעקס און דרייסיג חברה הצלה אינגעלייט, כמנין ל״ו**; מוהרא״ש פלעגט זאגן ער האט זעקס און דרייסיג הצלה לייט אין יבנאל, ער רופט זיי די **ל״ו צדיקים** וואס לויפן אין אלע צייטן ראטעווען אנדערע מיט מסירות נפש.

עס איז א שווערע לימוד, עס נעמט אפאר יאר, אבער עס לוינט זיך די שווערע הארעוואניע צו קענען ראטעווען א נפש אחת מישראל.

דאס קענסטו נישט טון נאר מיט רשות פון דיין ווייב תחי׳.

...

בעזרת ה׳ יתברך - ג׳ פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו׳ דחנוכה, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

איך האב זייער הנאה אז דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה, דו נוצט אויס די יונגע יארן מיט תורה; איך פריי זיך צו האבן אין אונזער כולל אזעלכע פלייסיגע אינגעלייט ווי דיר.

האברך ... נרו יאיר זאגט מיר אז ער האט נישט זיין חברותא פארטאגס, וויל איך דיר פרעגן אויב דו ווילסט לערנען מיט אים פארטאגס, פון זעקס אזייגער ביז׳ן דאווענען, גמרא רש״י תוספות; לאז מיר וויסן אויב דו וועסט לערנען מיט אים.

מיט דיין תורה העלפסטו מיר בויען דעם שטעטל; **א שטעטל בויט מען נישט מיט עשירים, נאר מיט תורה**, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ו, ט): ״אֵינִי דָר אֶלָּא בִמְקוֹם תּוֹרָה״.

...

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויגש, ו׳ טבת, שנת תשפ״א לפרט קטן

... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב וויליאמסבורג

אייער מאמע האט מיר גערופן איך זאל אייך בארואיגן; איר זענט דערשראקן צום טויט פון די נייע וואקסין, איר רופט אהיים אגאנצן צייט זיכער מאכן אז מען גייט נישט נעמען די נייע וואקסין קעגן קאראנע. אייער מאמע דערציילט מיר אז אייער חבר׳טע ... רעדט אייך איין די שרעקעדיגע חלומות.

איך בעט אייך זייער איר זאלט נישט רעדן מיט דערביטערטע מענטשן; די חבר׳טע איז א צעבראכענע מיידל, זי ליגט אין בעט אגאנצן טאג, זי טוט גארנישט מיט׳ן טאג, פון דעם איז זי נעבעך אריין אין א דעפרעסיע, יעצט וויל זי אייך אויך אריינלייגן אין א דעפרעסיע, פון פוסטע חלומות.

די דערביטערטע מענטשן - די האבן חיות פון שרעק און דמיונות, זייער גאנצע חיות איז פון זיך פייניגן און טראכטן: ׳נאך אביסל גייט די וועלט אונטערגיין׳, ׳נאך אביסל גייען אלע מענטשן שטארבן׳, ׳נאך אביסל גייט מען אלעמען פאר׳סמ׳ען׳, ׳נאך אביסל גייען די רייכע מענטשן שולט זיין אויף די באפעלקערונג׳, ׳די וואקסין איז צו פאר׳סמ׳ען די וועלט׳ - און נאך אזעלכע נארישקייטן.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך חבר׳ן מיט פרייליכע מיידלעך; א מיידל וואס ליגט אגאנצן טאג אין בעט און טוט גארנישט, איין זאך טוט זי, קוקט און קוקט מאוויס - די זענען זייער דערביטערט און דערשלאגן, אז איר וועט ווערן זייער נאנט מיט אזא חבר׳טע וועט איר אויך ווערן דערביטערט און דערשלאגן.

**נעמט זיך חבר׳טעס פון בית פיגא**, חבר׳ט זיך מיט פרייליכע מיידלעך, מיט מיידלעך וואס זייערע דיבורים זענען אייבערשטער - וועט מען אייך נישט קענען איינרעדן די נארישקייטן. חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (פרקי דרבי אליעזר, פרק יג) ווען דער שלאנג האט געוואלט איינרעדן אדם הראשון ער זאל טון די עבירה - עסן פונעם עץ הדעת, האט ער געטראכט: ׳אדם הראשון וועט מיר דאך זיכער נישט אויסהערן, עס איז שווער איבערצורעדן א מאן; איך וועל גיין צו חוה, איך וועל איר איינרעדן און זי וועט מיר זיכער אויסהערן, ׳שֶׁהַנָּשִׁים נִשְׁמָעוֹת לְכָל הַבְּרִיּוֹת״, ווייל פרויען הערן אויס אלעמען; פרויען קען מען גרינג פארדרייען דעם קאפ, אזוי ווי מען זעט, די פרויען כאפן זיך צו צו די אלע פאנטאזיעס וכו׳.

זאגט פאר אייער חבר׳טע אז **ליגן אין בעט טאג און נאכט און גארנישט טון - דאס איז א סכנה, דאס מאכט מען זאל שטארבן, קוקן טאג און נאכט מאוויס - דאס איז שעדליך, דאס מאכט מען זאל נישט האבן קיין קינדער השם ישמרינו.**

געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, וואס איר דארפט זאלט איר נאר בעטן פונעם אייבערשטן. דער אייבערשטער פארשטייט אלע שפראכן און הערט אויס יעדן איינעם; חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (מדרש דברים רבה ב, טז): עס איז געווען אמאל א שטורעם ווינט אויפ׳ן וואסער, און א שיף איז פארבלאנדזשעט געווארן און אנגעקומען צו א ווייטע שטאט, אויפ׳ן שיף האבן זיך געפונען איין איד מיט אסאך גוים, ווען דער שיף איז אנגעקומען צו די פרעמדע מדינה זענען אלע גוים צוגעקומען בעטן פון דעם איד ער זאל זיי גיין קויפן עסן, האט דער איד זיי צוריק געפרעגט מיט וואונדער: ״איך בין דען באקאנט דא, אז איר אלע קומט מיר בעטן איך זאל קויפן עסן?״ האבן אלע גוים אויסגעשריגן צו דעם איד און געזאגט: ״א איד איז קיינמאל נישט אליין, א איד האט אייביג דעם אייבערשטן מיט זיך״.

**דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

**א) מעשה פון רב ובן יחיד: פאר וועם האט זיך דער זוהן אויסגערעדט אז ער פילט נישט קיין טעם אין דאווענען און לערנען?**

**ב) וועלכע פאך האט זיך דער תם געלערנט?**

**ג) וואס איז צום סוף געווארן פונעם תם?**

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד נחמן נתן פארקאש נ״י קרית יואל

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר׳ן מלמד אדער טיטשער.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) מעשה ז׳ פון דער רב ובן יחיד.
ב) אין חלום
ג) אז די דאווענען איז א שיף מיט דריי עקן..


פאר אלע אייערע שעלוויג און טרימינג
געברויכן רופט דעם עקספערט
שמשון צבי טייטלבוים
845-243-1580

שיינע הערליכע שירצלעך ספעציעל פאר
ביליגע פרייזן
רופט מרת פריידא ראטה תחי׳
845-248-3139

פאר אלע אייערע הויז און קאר אינשורענס
געברויכן רופט דעם אינשורענס עקספערט
ישראל שלום דעלקאוויטש
347-661-2579